©Copyright 1998 Artists For Israel International All Rights Reserved.

# גאלאטים

## קפיטל 1

1פון שאול א שליח. איך האב מיין
שליחות נישט באקומען פון א בשר
ודם אדער דורך מענטשן נאר דורך
ישוע המשיח און ג-ט דער פאטער
ווער האט אים מחיה מתים געווען.
2אויך פון די אלע ברידער ווער זיינן
מיט מיר.
צו די אלע קהילות אין גאלאטיא.
3 שלום און חסד צו אייך פון ג-ט
אונדזער פאטער און פון דעם האר
ישוע המשיח.
4 ווער האט זיך מוסר נפש געווען פאר

אונדזערע עבירות כדי אונדז
ארויסצוראטעווען פון דעם שלעכטן
וועלט לויטן רצון פון ג-ט אונדזער
פאטער.
5 צו אים זאל זיין תפארת לעולם ועד
אמן.
6 איך בין נשתומם ווי שנעל איר האט
זיך אוועק געריסן פון מיר וועך האט
אייך גערופן מיט די חסד פון דעם האר
און איר זייט נאך געגאנגן אן אנדערע
ארטיקער בשורה,
7 וואס איז נישט קיין גוטע בשורה
בכלל.וואס פאסירט איז אז עטליכער
מענטשען נודערן אייך און פרובירען
איבערצודרייען די אמתע גוטע בשורה
פון משיחן.
8 אבער אפילו איך אדער א מאלך פון
הימל וואלט מבשר געווען אן אנדערע
גוטע בשורה פארקערט פון די גוטע
בשורה וואס איך האב אייך

אנגעזאגט,זאל ער זיין פארשאלטן
אויף אייביק.
9 מיר האבן דאס געזאגט און מיר
זאגען ווידער אויב איינער זאגט אן א
בשורה פארקערט פון וואס איר האט
באקומען פון מיר,זאל ער זיין
פארשאלטן אויף אייביק.
10 יעצט צי זוך איך צוגעווינן
מענטשליכע הסכמה אדער ג-טס?
אדער זוך איך צו נושא חן זיין ביי
מענטשען.ווייל ווען איך וואלט
געזוכט נושא חן זיין ביי מענטשען
,וואלט איך נישט געווען מער א קנעכט
פון דעם משיח.
11 איך מאך אייך באקאנט ,
ברידער,אז די גוטע בשורה וואס איך
זאג אן איז נישט פון א בשר ודם.
12 איך האב עס נישט באקומען פון
קיינער נישט און קיינער האט מיר
עס אויסגעלערנט-עס איז געקומען

אלס התגלות פון ישוע המשיח.
13 איר האט געהערט וועגן מיין
פריערדיקע תקופה אלס פרומע ייד
ווען איך האב געטון וואס מער צו
רודפן די מאמינים און זיי אוסמיידן.
14 און ווי, זייענדיק א קנאי מער
ווי רוב יידן פון מיין יארען, פאר די
אלע מנהגים וואס איז מקובל געווארן
פון די אבות ,איך בין געשטיגן אין
יידישקייט מער ווי זיי.
15 אבער ווען ג-ט,ווער האט מיר
אויסגעוויילט פאר מיין געבורט און
האט מיר גערופן מיט זיין חסד.
16 מיר צו מגלה זיין זיין זון כדי איך
זאל קענען אנזאגן וועגן אים צו די
גוים.איך האב נישט געפרעקט ביי
קיינעם.
17 און איך בין נישט געגאנגן צו
ירושלים כדי צו זען זיך מיט די
שליחים ווער זיינן געווען שליחים פאר

מיר.איך בין גלייך געגאנגן צו אראביא
און דערנאך צו דמשק.
18דריי יאר שפעטער בין איך געגאנגן
נאך ירושלים כדי צו באקענען זיך מיט
שמעון כיפא און איך בין געבליבן מיט
אים צוויי וואכען.
19אבער איך האב נישט געזען קיינער
נישט פון די אנדערע שליחים חוץ יעקב
דעם הארס ברודער.
20 איך שרייב אייך פון די זאכן און
איך זאג פאר ג-ט אז איך זאג נישט
קיין ליגן.
21 דערנאך בין איך געגאנגן צו סוריא
און סיליקיא
22 אבער אין יהודה די קהילות האבן
מיר נישט גאקענט.
23 זיי האבן נאר געהערט אז דער
מענטש וואס האט אונדז אמאל
גערודפט, יעצט זאגט אן די אמונה
וואס ער אליין האט אמאל געוואלט

פארדארבן.
24 און זיי  לויבן ג-ט פאר מיר.

## קפיטיל 2

1נאך  פערצען יאר איך בין נאך אמאל ארופגעגאנגן צו ירושלים יעצט צוזאמען מיט  ברנאבא,און איד האב אויך גענומען טיטוס מיט.
2  איך בין ארויפגעגאנגן דורך א התגלות  און איך האב  מבשר געווען די בשורה וואס איךְ האב די גוים אנגעזאגט,אבער שטילערהייט צו די אנגענומענער מנהיגים .איך האב אזוי געמאכט מבאלד איך האב מורא געהאט אז מיין פריעדיקע ארבייט איז געווען  אומזיסט.
3 אבער זיי האבן נישט גענייט מיין

גוישע  חבר זאל זיך מלען.
4 טאקע די פראגע איז געשטעלט געווארן נאר דורך  פאלשע ברידער ווער זיינן ארייגעקומען כדי צו באקוקן די פרייהייט וואס  מיר האבן אין דעם משיח און אנדז דערנאך ברענגן אין קנעכטשאפט.
5  נישט פאר א מינוט האבן מיר זיך אונטערגעגבן פאר זיי  כדי די ווארהייט פון די גוטע בשורה זאל באהיט ווערן פאר אייך.
6 נאך מער די מנהיגים ווער זיינן געווען האבן גארנישט צוגעגבן צו מיין דרשנען- וואס זיי זיינן איז מיר קיין אונטערשיט ווייל ג-ט   משפט נישט לויטן חיצוניות פון מענטשן.  .
7 להיפך זיי האבן געזעיען אז  די בשורה פאר די גוים איז מיר געגעבן געווארן פונקט אזוי   ווי די בשורה פאר די יידן איז געגעבן געווארן צו

שמעון כיפא.
8מבאלט דער וואס האט געפועלט ביי
כיפא צו זיין א שליח צו די יידן האט
געפועלט ביי מיר צו זיין א שליח צו די
גוים.
9 ווען יעקב,כיפא,און יוחנן,די
פארעכענטע  מנהיגים, האבן געזען די
חסד וואס איז מיר געגבן געווארן
האבן זיי געגבן די רעכטע האנדט פון
פריינטשאפט   צו מיר און
בארנאבא.כדי מיר זאללן  גייען צו די
גוים און זיי צו די יידן.
10 זייער איינציגע בקשה איז געווען
אז מיר זאללן געדענקן די עניים וואס
איך האב סיי ווי סיי געטון.
11  נאך מער ווען כיפא איז געקומען
קיין אנטיואכן איך האב זיך   אים
אקייגענגעשטעלט  ברבים ווייל ער
איז נישט געווען גערעכט.
12  ווייל פאר דעם אנקומען פון

עטלעכע מענטשען פון די קהילה
געפירט ביי יעקב,האט כיפא געגעסן
צוזמען מיט די גויעשע מאמינים און
ווען זיי זיינן געקומען,ער האט זיך
צוריק געצויגן און האט זיך
אופגעשיידט ווייל ער האט מורא
געהאט פון די לייט וואס האבן
געהאלטן אז גוים מוזן זיך מלען.
13 און די אנדערע יידישע מאמינים
זיינון אויך געווארן צבועקעס צוזאמען
מיט אים און אפילו ברנאבא איז זיי
נאכגעגאנגן.
14 אבער ווען איך האב געזען אז זיי
גייען נישט ריכטיק לויטן אמת פון די
גוטע בשורה,האב איך געזאגט צו
כיפא פאר אלעמען,"אויב דו, א ייד,
לעבסט ווי א גוי און נישט ווי א ייד
וואס ,פארוואס נייטס דו די גוים צו
לעבן ווי יידן.
15 מיר זיינן יידן פון געבורט און נישט

גרישע פושעים.
16 אף על פי כן מיר ווייסן יעצט אז א
מענטש איז נישט דעקלערט א צדיק
צוליב זיינע קיום די מצוות אליין נאר
דורך דער אמונה פונם משיח
ישוע.דעריבער מיר או האבן אונדזער
אמונה אין משיח ישוע און זיינן
געטריי געווארן צו אים,כדי מיר זאללן
זיין גערופן צדיק צוליב אמונה אין
משיח און נישט צוליב אונדזער קיום
התורה.ווייל פון היטן תורה און מצוות
קען קיינער נישט גערעכטפערטיק
ווערן.
17 אבער ווען מיר שטרעבן צו ווערן
רעכטפערטיק ביי ג-ט דורכן משיח,מיר
זיינן געווארן פארזינדיקע,איז דער
משיח דעריבער א משרת(העלפער)פון
זינד.חס ושלום!
18 טאקע ווען איך בוי אויף דאס וואס
איך האב שוין

אויסגעמידן,איך מאך זיך ווידער א פושע.
19 ווארום איך בין געשטארבן צו דער תורה דורך דער תורה כדי איך זאל לעבן פאר ג-ט.
20 ווען דער משיח איז געהרגט געווארן אויפן קרויץ ווי א פארברעכער,בין איך אויך געהרגט געווארן און לעב איך שוין נישט מער נאר דער משיח לעבט אין מיר ,און וואס איך לעב יעצט אינם פלייש,לעב אין אין דער אמונה וואס דער בן אלוקים ווער האט מיר ליב און האט זיך מוסר נפש געווען פאר מיר האט געהאט .
21 איך בין נישט מבטל דעם מתנת חסד פון ג-ט ווייל ווען גערעכטפערטיקונג איז בלויז דורך תורה ,דאן איז משיחס טויט אומזיסט.

# קפיטיל 3

1ואייך   נארישע גאלאטיים,ווער האט
אייך פארכישופט ?פאר אייער אויגן
איז ישוע פארגעשטעלט  געווארן אלס
געהרגט געווארן ווי א פארברעכער.
2 איך וויל אייך פרעגען א קשה.האט
איי באקומען דעם רוח הקודש דורך
מקיים זיין די מצוות
התורה אדער דורך אמונה אין דאס
וואס איר האט געהערט און זייט
געווען  געטריי דערצו.
3  זייט איר אזוי נאריש!
אונגעהויבענדיק מיט דעם כח פונם
רוח,האלט איר אז מיר קענן אנקומען
צום ציל  דורך אייגענע כוחות.
4  האט איר געליטן אזוי פיל שוין

אומזיסט.
אויב איר טראכט טאקע אזוי,אייער
לידן איז דעמאלסט  אומזיסט.
5 דער וואס לערנט אייך אויס וועגן
דעם רוח און טוט צאווישן אייך
ניסים.האם טוט ער דאס צוליב אייערע
מעשים טובים אדער דורך אמונה.
6  פונקט אזוי ווי אברהם אבינו האט
אמונה געהאט און עס איז גערעכנט
געווארן אלס גערעכטיקייט(בראשית
15:6
7  זייט איבערגעצייגט אז נאר די וואס
לעבן מיט אמונה און בטחון זיינן אמתע
קינדער פון אברהם.
8דער תנ"ך ,זיינדיק אז ג-ט וועט
גערעכטפארטיקן די גוים דורך אמונה,
האט די גוטע בשורה זאגענדיק געזאגט
צו אברהם,
"אין דיר וועלן אלע פעלקער
געבענטשט ווערן"(בראשית 18:18 ,

9אזוי ווי די וואס האבן אמונה און
בטחון זיינן געבענטשט צוזאמען מיט
אברהם  ווער האט געהאט אמונה און
בטחון.
10ווייל  דער וואס פאלאזט אויף נאר
אויף מצוות  התורה  לעבט אונטער א
קללה אזוי ווי עס שטייט,
"פארשאלטן איז  יעדער  וועלעכער
פארבלייבט נישט אין אלעם  וואס עס
שטייט אין די ספר תורה צו טון"(דברים
27:26
11יעצט עס איז קלאר אז קיינער קען
נישט רעכטפערטיק זיין  פאר ג-ט
דורך מקיים זיין די תורה אליין
מבאלט:"דער צדיק וועט דורך אמונה
לעבן"(חבקוק 2:4
12 די מצוות  התורה אבער  זיינן
נישט פון אמונה נאר ווער איז זיי
מקיים  וועט לעבן דורך  זיי.(ויקרא
18:5

13 דער משיח האט אונדז
אויסגעלייזט פון דער קללה וואס
שטייט אין תורה ווערענדיק א קללה
פאר אונדז ווייל די תורה זאגט,
"פארשאלטן איז ידער איינער ווער
הענגט אויף א בוים".(דברים 21:22-23
14 ישוע האט דאס געטון כדי צוזאמן
מיט אים די גוים זאל מקבל זיין די
ברכה וואס איז אנגעזאגט געווארן צו
אברהם כדי דורך אמונה און בטחון
מיר זאללן מקבל זיין דער צוגעזאגטע
רוח.
15 ברידער איך געב אייך א ביישפיל
פון לעבן:ווען איינער שווערט א
שבועה קען קיינער עס נישט מבטל
אדער עפעס לייגן דערצו.
16 יעצט די הבטחות זיינן געגבן
געווארן צו אברהם און זיין זאמען.עס
שטייט נישט "און צו זאמענס"כאילו צו
מער ווי איינער:להיפך עס שטייט איין

,"און צו דיין זאמען"-און דער
איינער(זאמען)איז דער משיח.
17 דאס מיין איך אז די מצוות פון
די תורה וואס איז געגעבן געוארן
פיר הונדערט און דרייסיק יאר
שפעטער קען נישט מבטל מאכן די
שבועה פון ג-ט כדי מבטל זיין די
הבטחה.
18 ווען די ירושה קומט דורך די
מעשים פון תורה עס קומט מער נישט
דורכן הבטחה.אבער ג-ט האט עס
געגעבן צו אברהם דורך אן הבטחה.
19 אויב אזוי פארוואס איז דא די
תורה?עס איז צוגעלייקט געווארן
צוליב די זינד ביז דער זאמען וועט
אנקומען אויף וועמען די הבטחה איז
געמאכט געווארן.נאך מער עס איז
געגעבן געווארן דורך מאלכים און א
פארמיטלר.
20 א פארמיטלר אבער איז פאר מער

ווי איינער,אבער ג-ט איז איינס.
21מיינט דאס דאריבער אז די מצוות
התורה שטייען אנקעגן די הבטחות פון
ג-ט.חלילה!
ווען די מעשי התורה וואס ג-ט האט
געגעבן וואלטן געהאט כח צו שענקן
לעבן,דעמאלט וואלט
רעכטפערטיקייט וואלט געקומען דורך
מקיים זיין די תורה דייטליך.
22 אבער דער פסוק האט אלעמען
פארשלאסן אונטער זינד כדי די
הבטחות זאללן געגעבן ווערן דורך
אמונה אין ישוע המשיח צו די וואס
גלויבן.
23 פריער פאר די אמונה איז געקומען
זיינן מיר געווען אונטער דעם עול
התורה איינגעשלאסן פאר די אמונה
וואס איז שפעטער אנטפלעקט
געווארן.
24 די תורה איז געווען אונדזגר שומר

ביז ישוע איז  אנגעקומען כדי מיר זאללן הייסן רעכטפערטיק   דורך אמונה.
25 אבער יעצט אז איז געקומען די אמונה זיינן מיר מער נישט אונטער  אט שומר.
26 ווייל דורך התקשרות מיטן משיח דורך  אמונה,זייט איר אלע ג-טס קינדער.
27  ווארום  איר אלע ווער זיינן געטובלט  געווארן צום משיח,האבן זיך אנגעטאן(מתלבש געווען) מיט משיחן.
28  און עס איז נישט מער קיין ייד אדער גוי ,קנעכט אדער פרייער,זכר אדער נקבה ווארום אין משיח ישוע זיינן אלע איינס.
29  און אויב איר באלאנקט צו משיחן זייט איר זרע(זאמען)פון אברהם און יורשים  לויטן הבטחה .

# קפיטיל 4

1 איך מיין צו זאגן אז כל זמן א
יורש איז א קטן ער איז נישט אנדערש
ווי א קנעכט,אפילו ער איז די עכטער
בעל הבית פון די ירושה.
2 ער איז אונטער אפוטרופסים און
שומרים ביז צו דער צייט באשטימט
ביי זיין פאטער.
3 אזוי איז עס געוועזן אויך מיט אונדז
וען מיר זיינן געוועזן קינדער מיר זיינן

געוועןקנעכט צו די
גשמיותדיקע(פיזישעַ כוחות פון וועלט.
4 אבער ווען דער באשטימטער צייט
איז געקומען,ג-ט האט זיין זון געשיקט
.ער איז געבוירן פון א פרוי
אונטערטעניק צו די תורה.
5 כדי ער זאל אויסלייזן די וואס זיינן
געוועןאונטער דער תורה און אונדז
לאזען ווערן קינדער פון ג-ט.
6 יעצט מבאלט איר זייט זין ,ג-ט האט
געשיקט אין אונדזערע הערצער די
רוח פון זיין זון ,דער רוח וואס שרייט
ארויס -אבא,פאטער.
7 דערפאר דורך ג-ט זייט איר נישט
מער א קנעכט נאר א זון,און אויב א זון
אויך א יורש.
8 ווען איר האט נישט גקענט ג-ט, איר
האט געדינט אזוי ווי קנעכט די וואס
זיינן נישט קיין געטער.
9 אבער יעצט וואס איר דערקענט ג-ט

און נאך מער וואס איך זייט ביי ג-ט
אויך דערקענט.ווי אזוי קענט איך
צוריקערן צו די שוואך און ארעמע
רוחות .צו ווילט איר ווערן קנעכט פון
זיי נאך א מאל.
10 איך האלטן געוויסע יום טובים
,חדשים,זמנים,און יארן.
11 איך האב מורא פאר אייך אז מיין
ארבייט איז געווען אומזיסט.
12 ברידער איך בעט אייך זייט ווי איך
בין יעצט ווייל איך בין אויך געווען
ווי אייך,איר האט מיר גארנישט
בעוולט .
13 איר ווייסט אז איך האב אייך
אנגעזאגט די גוטע בשורה צום ערשט
ווען איך בין געווען קראנק.
14 הגם מיין פיזישע מצב האט אייך
געלאזט מיר מבזה זיין , איר האט מיר
נישט מבזה געווען נאר איר האט מיר
אויפגענומען אזוי ווי א מאלך פון

הימל ,כאילו איך וואלט אליין געווען דער משיח.
15 וואס איז געווארן מיט די שמחה איר האט געשפירט.
איך בין עדות אז ווען עס וואלט געווען מעגלעך וואלט איר אייערע אויגן ארויסגענומען כדי זיי מיר געגעבן.
16 בין איך יעצט א שונא געווארן ווייל איך זאג דעם אמת.
17 אמת אז די פאלשע לערעס זיינן פלייסיק אבער זייער כוונה איז נישט א גוטע.זיי ווילן אייך אפזונדערן פון מיר כדי איר זאלט ווערן פלייסיק פאר זיי.
18 פלייסיקייט איז גוט פאר א גוטע צוועק,און נישט נאר ווען איך בין מיט אייך .
19 מיין ליבע קינדער איך שפיר אזוי ווי געבורט שמערצן פאר אייך ביז איר

וועט זיין פארפעסטיקט אינם משיח.
20הלוואי וואלט איך געקענט זיין מיט
אייך און געקענט בייטן מיין קול .איך
וויס נישט וואס צו מאכן מיט אייך.
21 זאג מיר , איר וועלעכער ווילן זיין
אונטער דער תורה,צו הערט אייך נישט
וואס דער תורה אליין זאגט.
22 עס שטייט אז אברהם האט געהאט
צוויי זין איינעם פון דעם דינסט און
איינעם פון זיין פרוי , א בת
חורין(פריי).
23דער פון דעם דינסט איז געבוירן
געווארן אין א נארמאל ווייז אבער
דער פון זיין פרוי די בת חורין איז
געבוירן געווארן דורך א נס פון ג-ט
ווער האט דערמיט מקיים געוועט זיין
הבטחה.
24 די צוויי זאכן זיינן א משל:די צוויי
פרויען זיינן די צוויי בריתות.איינע איז
פון בארג סיני און געבוירט קינדער צו

עבדות- דאס איז הגר.
25 הגר איז הר סיני אין אראביא און זי
איז גלייך צו היינטיגן ירושלים   וואס
איז   נאך אין עבדות צוזאמען מיט
אירע קינדער.
26 אבער ירושלים של מעלה(אויבן)איז
פריי און זי איז אונדזער מוטער.
27 ווייל עס שטייט אין פסוק:
פריי דיך , דו עקרה ,וועלעכע האט
נישט געבוירן.
ברעך אויס אין געזאנג און שריי ,א דו
וועלעכער האט נישט קיין
געבארטסווייען:
ווייל פיל מער זיינן די קינדער פון דער
פארלאזטער
ווי פון דער וועלעכער האט דעם
מאן.(ישעיהו 54:1
28  איך ,ברידער,  אזוי ווי יצחק זיינן
די קינדער דערמאנט אין ג-טס הבטחה.
29  אבער פונקט אזוי ווי דעמאלט,

דער וועלעכער איז געבוירן געווארן
נאטירליך רודפט דער וועלעכער איז
געבוירן געווארן דורכן גייסט, עס איז
דער זעלבער היינט.
30 וואס שטייט אין פסוק:
טרייב ארויס די דינסטמויד מיט איר זון
ווארום דער זון פון דער דינסטמויד
וועט נישט ירשנען צוזאמען מיט דעם
זון פון דער פרייער פרוי.(בראשית
21:10
31דעריבער ברידער זיינן מיר קינדער
נישט פון א דינסט(עבד)נאר פון א
פרייער פרוי.

## קפיטיל 5

1 שטיי פעסט אין דער פרייהייט וואס
משיח האט אונדז באפרייט און ווער

נישט מער פארפלונטערט מיט א יאך
פון קנעכטשאפט.
2 אט איך שאול זאג אייך אז אויב
איר ווערט געמלעט,דעמאלסטדער
משיח העלפט אייך גארנישט.
3 נאכאמאל זאג איך עדות צו
אלעמען אז דער וואס איז געמלעט
איז מחויב צו מקים די גאנסער תורה.
4 משיח איז נישט מער קיין הילף צו
אייך , דער ווערלעכער איז
רעכטפארטיק דורך תורה, איז
אפגעפאלן פון דעם חסד.
5 ווייל מיר ווארטן,אינם רוח,אויף דער
האפאנונג פון גערעכטיקייט דורך
אמונה.
6 אין דעם משיח איז נישט וויכטיק צו
זיין געמלעט אדער נישט,וואס איז יא
וויכטיק איז גערעכטיקייט דורך
אמונה.
7 איר זייט גוט געלויפן,ווער דען האט

אייך געשטרויכלט אז איר זאלט נישט
פאלגן דעם אמת .
8 דעם איינרעדנונג שטאמפט נישט פון
דעם וועלעכער האט אייך גערופן.
9 א קליין ביסל הייוון מאכט דעם
גאנסען טעג זויער.
10איך אהב צוטרוי אין אייך
דורכן משיח אז איר וועט נישט
האבן אן אנדערע מיינונג און דער
וועלעכער נודערט אייך זאל
באקומען זיין עונש.
11 און איך,ברידער,ווען איך דרשן
וויכטיקייט פון ברית מילה,פארוואס
לייד איך רדיפות.
12 הלוואי די וועלעכער זיינן
אייך מצער זאללן זיך אליין מסרס
זיין.
13 ברידער איר זייט גערופן געווארן
צו פרייהייט.יעצט לאזט נישט אז די
פרייהייט זאל זיין א תירוץ פאר

דעם אלטער נאטור.באדינט איינער
דעם צווייטן מיט ליבע.
14 ווייל די גאנסער תורה איז מקוים
געווארן אין איין ווארט-ליב דיין
חבר אזוי ווי דיך אליין.
15 אויב איר בייסט און פרעסט
איינער דעם אנדערן פאס אויף ווייל
איר קענטט ממש פארניכטערט ווערן.
16איך זאג אבער, איר זאלט גיין
אין דעם רוח און איר וועט נישט
טון וואס די אלטע נאטור פאדערט,
17 ווייל די אלטע נאטור וויל וואס
אז קעגען
דעם גייסט און די רוח וויל וואס איז
קעגען נאטור.די צוויי שטעלן זיך
קעגען איינם דעם צווייטן און
דאריבער לאסט אייך נישט טון לויט
אייערע גוטע כוונות.
18 אבער אויב איר זייט געפירט ביי
דעם גייסט, זייט איר נישט אונטער

תורה.
19 די תאוות פון דעם פלייש זיינן
באוויזן דורך
זנות,טומאה,אויסגעלאסנהייט,
20 עבודה זרה,כישוף
,שנאה,צאנקעריי ,אייפערזוכט,
21 צארן,קריגעריי,מחלוקת,
כיתות,קנאה,שכרות,פרעסעריי און
נאך א זעלעכע זאכן.איך ווארן אייך
יעצט ווי איך האב אייך שוין
געווארנט אז דער וועלעכער טוט די
דאזיקע זאכן האט נישט קיין חלק אין
מלכות פון ג-ט.
22 אבער די פרות פון דעם גייסט זיינן
ליבע,שמחה,שלום,סבלנות,פריינטליכ
קייט,גוטסקייט,אמונה,
23ענווה,איינגעהאלטנקייט.די תורה
שטייט נישט קעגען א זעלעכע זאכן.
24 נאך מער די וועלעכע געהערן צום
משיח האבן געהרגט דעם אלטען

נאטור  אויפן קרויץ צוזאמען מיט די גלוסטענגען און תאוות.
25  אויב מיר  האבן חיות  דורכן גייסט,לאמיר אויך, דורכן גייסט , פירן אונדזער טאג טעגליכע לעבן .
26  לאמיר נישט גלוסטן נאך פוסטע כבוד,אויפרייצן ,אדער מקנא זיין איינער דעם אנדערען.

קפיטיל 6

1  ברידער אויב איינער האט געטאן אן עוולה,זאלט איר , די  אנשי רוח,  אים ווידער אויפשטעלן אין א גייסט פון ענווה.געב אכט אז איר זאלט נישט אליין  קומען צו א נסיון.
2  טראגט איינער דעם צווייטנס  לאסט

און דורך דעם זייט איר מקים דעם תורה פונם משיח.
3אויב איינער האלט פון זיך איז ער באמת גארנישט,ער נארט זיך אליין אפ.
4 יעדער איינער זאל בודק זיין זיין אייגענע מעשים און ווען איר טרעפט עפעס פון וואס איר זאלט זיך בארימען דערפון, ווערט עס כאטש זיין טפעס א זאך וואס איר האט געטון און נישט ווייל איר האלט זיך בעסער פון אנדערע.
5 ווארום יעדער איינער טראגט זיין אייגענע מאשא.
6 דער ווערלעכער ווערט געלערנט אינם ווארט זאל זיך טיילן מיט זיין מלמד אין אלעם גוטן.
7 נארט זיך נישט אפ, פון ג-ט קען מען נישט אפשפעטן.וואס מען זייעט איין אט דאס וועט מען אפשניידן.

8 איינער וועלעכער זייעט איין אין זיין אלטע נאטור וועט שניידן פארדארבונג. אבער די וועלעכע זייען אין דעם גייסט וועלכן שניידן אייביקע חיים.

9 לאמיר נישט מיד ווערן פון צו טון גוטס ווייל ווען מיר הערן נישט אויך וועט מען שפעטער שניידן .

10 דעריבער ווען מיר האבן א גאלעגנהייט צו טון גוטס לאמיר טון גוטס פאר אלעמען און בפרט פאר די משפחות ווער זיינן אין אונדזער אמונה.

11 איר זעט וואס פאר א גרויסער בריוו איך שרייב אייך מיט מיין אייגענע הענט.

12 עס איז די וועלעכער ווילן אויסזעין גוט וואס פאדערן ברית מילה פון אייך. כדי זיי זאלען נישט גערודפט ווערן צוליב זייער דרשנען

וועגן דעם קרייץ.
13 אפילו די וואס ווערן געמלעט זיינן
נישט מקים די תורה נאר זיי ווייל זיך
באַרימען ווי אזוי איר זייט זייערע
תלמידים.
14 אבער איך ,חס ושלום, זאל
באַרימען עפעס אחוץ דעם קרייץ פון
אונדזער האר ישוע המשיח.
15 אינם משיח עס מאכט נישט אויס
צי געמלעט אדער נישט,דער עיקר איז
צו זיין א נייער באשעפעניש.
16 און צו אלע וועלעכע גיין לויט
דעם כלל,זאל זיין אויף זיי שלום און
רחמים און אויך אויף דעם ישראל פון
ג-ט.
17 פון יעצט אן זאל קיינער מאכן מיר
צרות ווייל איך טראג אויף מיין
קערפער די צעכינס וואס זיינן מעיד
אויף מיר אז איך געהער צו ישוע.
18 דער חסד פון ישוע המשיח אונדזער

האר זאל זיין  מיט אייער גייסט,מיין ברידער.